צווישן די ילודי־אשה קיין גרעסערער ווי יוחנן
המטביל. דאָך איז דער קלענסטער אין דעם
12 מלכות־השמים גרעסער ווי ער. אָבער פון די
טעג פון יוחנן המטביל ביז איצט ליידט דאָס מלכות־
השמים געוואַלד, און די, וואָס טון געוואַלד רייסן
13 עס צו זיך. וואָרום אַלע נביאים און די תורה האָבן
14 נבואות געזאָגט ביז יוחנן. און אויב איר ווילט עס
15 אָננעמען, איז ער אליהו, וואָס דאַרף קומען. ווער
16 עס האָט אויערן, דער זאָל הערן! צו וועמען אָבער
זאָל איך פאַרגלייכן דאָס דאָזיקע דור? עס איז
גלייך צו קינדער, וואָס זיצן אויף די מאַרקן און
17 רופן צו זייערע חברים, און זאָגן: מיר האָבן געשפּילט
פאַר אייך אויף פּייפלעך, און איר האָט נישט
געטאַנצט; מיר האָבן געזונגען קלאָגלידער, און
18 איר האָט נישט געוויינט! וואָרום יוחנן איז געקומען,
האָט נישט געגעסן און נישט געטרונקען, און מען
19 זאָגט: ער האָט אַ בייזן גייסט! דער בן־אדם איז
געקומען, עסט און טרינקט יאָ; און מען זאָגט: זע,
אַ מענטש אַ זולל וסובא, אַ פריינט פון שטייער־
אויפמאַנער און חוטאים! און דאָך איז די חכמה
גערעכטפערטיקט פון אירע מעשים.
20 דעמלט האָט ער אָנגעהויבן צו מוסרן די שטעט,
אין וועלכע דאָס רוב פון זיינע וואונדער זענען
21 געשעען, ווייל זיי האָבן נישט תשובה געטון. ווי
צו דיר, כורזין! ווי צו דיר, בית־צידה! ווייל
אויב אין צור און צידון וואָלטן געשעען די
וואונדער, וואָס זענען געשעען ביי אייך, וואָלטן
זיי שוין לאַנג צוריק געהאַט תשובה געטון אין זאַק
22 און אין אַש. דאָך זאָג איך אייך, עס וועט זיין
גרינגער פאַר צור און צידון אין טאָג פון משפּט,
23 ווי פאַר אייך! און דו, כפר נחום, ביז צום הימל